**When You Go to a Yiddish Theatre by A M Kaizer**
**(First published in Yiddish: *Di tsayt*, 1933)**

When you go to the Yiddish theatre and are shown your seat, just stay in it. Don't wander off in search of any other entertainment, or you could suffer my fate.

Even if the seat isn't that comfortable, stay in your place. After all, how long do you have to sit there? Two and a half hours! Sometimes maybe a whole three hours! But after that you're a free person, and at home you can sit wherever you want, even in your favorite easy chair with an eiderdown. But there are ways to deal with the myriad of troubles that happen in the theatre. A prudent chap will find a way to do this.

Let's say, for example, that you're sitting next to a woman who constantly cracks monkey nuts and throws the shells into your lap. Your trousers get covered with shells. What should you do? Make a fuss in the middle of the play? Run off to another seat? No, you must simply take a brush with you and every few minutes brush the shells off your trousers until the woman has finished eating all the monkey nuts.

Or it could be in summertime, when the watermelons are in season, and you have a seat next to a woman holding a huge, red watermelon. In the middle of the play, the woman cuts up the watermelon and, "just for a minute," lays half of the watermelon in your lap, and the second half she puts, piece by piece, into her mouth.

What should you actually do? Do you take the watermelon and throw it on the floor? No! A gentleman doesn't behave like that! Just be quiet, leave the watermelon in your lap, and look at the stage. You can be sure that the woman won't leave the watermelon with you, because she hasn't finished it. The night is grand, and the play is even grander. Ah, but what if the watermelon leaks, and you find yourself in an awkward situation? I've got a solution for that as well. Take a rubber sheet or a waterproof apron with you, and as soon as she sits down, spread it over your trousers.

If you're sitting upstairs in the gallery and you see a friend of yours downstairs in the stalls, someone from the old country, and you want him to know that you're also here in the theatre, don't get up and rush downstairs. It's better to shout down, catcall, whistle, or roar, but don't move from your seat. If your *landsman* doesn't hear you, then try to throw a banana at him. (I mean the skin—eat the banana first.) If it hits someone else and not him, don't give up. Try and try again. Eventually you'll get him.

So, I've shown you how you can sit in your seat quite comfortably, and peacefully enjoy the play without having to gad about from one place to another.

If only I had been cleverer and done this last *Shabbes*, I wouldn't have experienced this embarrassing dressing down at a "child-goes-free" performance.

I had a yen to go to a theatre matinee. At the entrance there were hordes of children: fathers and mothers with children, grandfathers and grandmothers with grandchildren, uncles and aunts with nephews and nieces, little children and grown-up "thousand-week-old" children looking for marriage partners.

Amid the noisy crowd of kids there was a little girl crying and trying to rush into the theatre—she wanted to be taken to her grandmother.

"Where," the usher asked her, "is your grandmother sitting?"

"She's on the stage!"

"How can your grandmother be on the stage?"

"She sings in the chorus, she's a chorus girl!"

I took the girl into the theatre on my ticket, led her to the stage door, to her grandmother, and took my seat.

Next to me sat a woman in a fur coat, under which one could see a once-white apron. She had a large, full bag on her lap, and a small lad crawled at her feet playing with a ball. Every minute the ball rolled under our seats, and the lad crawled after it, getting under our feet and getting on our nerves so much that we had no idea what was happening on the stage.

The woman couldn't bear it anymore. She grabbed the boy and threw him over her knee, lifted up his shirt, and spanked him so he would have something to remember.

The actors on the stage, hearing a slap, thought it was applause, and they politely bowed while the boy started crying loudly. Nothing could placate him, not even the silent pinches he got from his mother.

People started shouting, "Quiet please!"

The woman took a chunk of *challah* with jam out of her bag, and the boy stuffed it into his mouth.

"So, get that down you! And be quiet!"

The boy was quiet, relishing the jam. But less than a minute later, he was crawling around me again, and I felt something sticky. Truly, I love jam and compote and other sweet things, but not on my trousers.

I got up to move, noticing that the front rows were empty. At first the boy with the jam crawled after me, but as I moved closer to the orchestra, I saw that I'd gotten rid of him, thank God. But after only a couple of minutes' peace, there they were again, my old neighbors, the woman with the boy.

"Hey, mister," she said to me. "He'll be a good boy, just give him back the

*challah* and jam!"

I looked at the woman and grinned:

"What *challah* and jam?"

"Enough playing around. Give him back his *challah* and jam!" she answered. I got angry and exclaimed:

"Why are you having a go at me? Who's taken any *challah* and jam?" She flew into a rage and said:

"*Feh*, shame on you. A grown man playing such a trick on a little boy."

"Leave me alone!" I pleaded. "Let me see the play."

She grabbed the boy by the chin, pointed at me, and said:

"Tell me, darling, is this the man who took your *challah* and jam?"

The boy nodded. And that was good enough for the woman, who went as red as a beetroot and shouted:

"I can tell by your face what you are!"

A cry went up in the theatre:

"Quiet, shurrup, throw her out, the windbag."

The woman pointed her finger at me and cried:

"Throw *him* out, that glutton who has stuffed my boy's *challah* and jam down his throat."

"Throw them both out!" everyone shouted.

And that's actually what happened.

Less than two minutes later, we were all outside: me, the woman, and of course the little brat.

Even in the street the woman carried on cursing me. I shook her off with difficulty and ran home.

As I came in the door, my wife asked:

"Couldn't you find a better place to keep your *challah* and jam than on your new coat, stuck right here on your behind?"

And she peeled off the whole piece of that child's *challah* and jam, which had stuck to me while I was moving seats to look for a bit of peace in the theatre.

*When You Go to a Yiddish Theatre by A M Kaizer, translated by Vivi Lachs. From London Yiddishtown: East End Jewish Life in Yiddish Sketch and Story, 1930-1950 © Vivi Lachs, 2021. Used by permission of Wayne State University Press.*

**Az ir geyt in idishn teater**

**Fun A M Kaizer**

***Di tsayt*, 1933**

Az ir geyt in idishn teater arayn un m'vayzt aykh on ayer "sit", halt zikh mit im. Loyft nisht arum zukhn keyn glikn, vayl ir kent nokh hobn mayn sof.

Afile az der "sit" iz nisht azoy bakvem – zitst oyf ayer ort! Vorem vi lang hot ir es, mishteyns gezogt, in gantsn tsu zitsn? Drithalbn sho! Amol efsher di gantse dray! Ober dernokh zent ir dokh a frayer mentsh un kent zitsn in der heym vu ir vilt, afile oyf a hese-bet untergebet mit a perene. Un vider, ken men zikh shoyn mit di farshidene shverikeytn an eytse gebn. A mentsh mit kop gefint shoyn oys epes a mitl.

Ir zitst, lemoshl, nebn a yidene, vos halt keseyder in eyn knakn "manki-nats" un di sholekhts varft zi aykh in shoys arayn. Di gantse hoyzn zenen shoyn bay aykh farshotn mit sholekhts. Vozhe vet ir tun? Makhn a skandal in mitn shpiln? Oder antloyfn oyf a tsveytn "sit"? – Neyn! Ir darft bloyz mit zikh mitnemen a bershtl un yeder por minut aropborshtn di sholekhts fun di hoyzn biz di yidene vet shoyn hobn di gantse "manki-nats" oyfgegesn.

Oder zumer-tsayt, ven di arbuzn zenen in sezon, hot ir punkt a "sit" nebn a yidene, vos zitst mit a groysn geshvolenem roytn arbuz, a heymishe kavene. In mitn shpiln shnayt di yidene oyf dem arbuz, leygt "bloyz oyf a minut" avek a halbn arbuz bay aykh in shoys arayn un di tsveyter helft leygt zi portsyesvayz in moyl arayn.

Vozhe darft ir eygntlekh tun? Nemen dem arbuz un gebn im a zets in dr'erd arayn? – Neyn! Azoy tut nisht a dzhentlmen! Shvaygt! Lozt dem arbuz lign in shoys un kukt oyf der bine. Zayt zikher, az di yidene vet bay aykh dem arbuz nisht iberlozn. Zi vet zikh mit im nokh opfartikn. Di nakht iz groys un di pyese iz nokh greser. Ay, der arbuz netst un ir gefint aykh in an umbakvemer lage? Hob ikh oyf dem oykh a mitl: nemt mit-zikh-mit a gume-fartikhl oder a "voter-pruf" un bald vi ir  zetst aykh avek, shpreyt es oys iber di hoyzn.

Un az ir zitst in der hoykh oyf der "geleri" un ir derzet untn in di "stols" ayers a fraynd, a landsman, un ir vilt, az er zol visn az ir zent oykh do in teater, darft ir nisht khapn un aropflien. Iz beser shrayt tsu im arop, fayft, svishtshet, pirkhet! Nor fun ort rirt aykh nisht. Oyb ayer landsman hert aykh nisht, dan pruvt im varfn a banane (ikh meyn: di sholekhts– di banane est oyf). Oyb ir treft a tsveytn un nisht im, zayt bay aykh nisht gefaln. Prubirt nokh a mol un nokh a mol, sof-kol-sof vet ir dokh im muzn trefn.

Ot hob ikh aykh gevizn vi azoy ir kent aykh gants gemitlekh zitsn oyf ayer "sit" gut "endzhoyen di pley", un nisht darfn arumloyfn fun eyn ort tsum tsveytn.

Halevay volt ikh kluger geven un oykh azoy geton, volt ikh nisht gehat dem miesn opshnit, vos ikh hob gekhapt letstn shabes in teater, ven s'iz "kinder-fray".

S'hot zikh mir farglust arayntsugeyn tsu matine in teater. Baym arayngang hob ikh dort ongetrofn a velt mit kinder; tates un mames mit kinder, zeydes un bobes mit eyniklekh, feters un mumes mit plimenikes. Pitslekh kinder un dervaksene toyznt-vokhike kinder… vos hobn gezukht khasanim un kales.

Tsvishn dem royshikn kinder-gezindl hot a meydele a kleyns zikh gerisn mit a geveyn in teater arayn un gebetn m'zol zi araynlozn tsu der bobn.

- Vuzhe – fregt ir der "porter" – zitst dort di bobe dayne?

- Zi iz oyf der "steydzh"!

- Vi azoy kumt di bobe oyf der "steydzh"?

- Zi zingt in khor! Zi iz a "khor-meydl"!

Nem ikh shoyn dos kind arayn in teater oyf mayn "tiket", fir ir tsu der "steydzh-tir", tsu der bobn irer un ikh zets zikh oyf mayn ort.

Zitst nebn mir a yidene in a futernem mantl fun velkhn s'zet zikh aroys an amolik vays fartukh un oyf der shoys bay ir rut a groyse ongelodene "beg". Tsufisns fun der yidene poyzet arum a yatl a kleyns, vos shpilt zikh mit a bol. Kayklt zikh der bol yede minut avek unter undzere "sits". Krikht dos yatl arunter, plontert zikh tsvishn di fis, un dergeyt undz azoy di yorn, az fregt undz bekheyrem vos m'shpilt.

Ken es shoyn di yidene mer nisht derlaydn. Khapt zi dos yatl, varft es ariber iber di kni, farkashert dos hemdl un patsht es gut arayn in "alef mekhiles'l", azoy az s'zol hobn tsu gedenken.

Di aktyorn oyf der bine, herndik "petsh", hobn gemeynt, az s'iz an aployz, hobn zey zikh gants heflekh farneygt, beys dos yatl hot zikh azoy tseveynt, az m'hot im gornisht gekent aynnemen. S'hobn afile nisht geholfn di shtile knipn, vos dos yatl hot beshas mayse arayngekhapt fun der mamen zayner,

Iz gevorn a geshrey: "kvayet pliz!"

Hot di yidene aroysgenumen fun der "beg" a hipshe "hamoytse" khale mit "dzhem" un dem yatl es in moyl arayngeshtupt:

- Na! Fres! Un nem eyn shtumenish!

Posmakevet zikh dos yatl mitn "dzhem" un s'vert shtil. Ober s'loyft nisht avek keyn minut, un dos yatl poyzet shoyn vider arum mir un ikh fil az ikh klep zikh… emes, ikh hob lib "dzhem", ayngemakhts un andere ziskaytn, ober nisht oyf di hoyzn…

Nem ikh zikh oprukn. Di fodershte reyen, ze ikh, zenen leydiklekh. Ersht dos yatl mitn "dzhem" krikht mir nokh. Ruk ikh zikh nokh vayter, biz tsum orkester tsu un – got

tsu dankn – poter gevorn funem yatl mitn "dzhem". Nokh a por minut menukhe, a-ha – mayne alte shkheynim zenen shoyn vider do – di yidene mitn yatl!

- Mister-lebn! – ruft zi zikh tsu mir on – er vet shoyn zayn a gud-boy, git im op di khale mitn dzhem!

Kuk ikh oyf der yidene un shmeykhl:

- Vosere khale mit dzhem, vos?

Entfert zi:

- Genug zikh arumgeshpilt. Git im op zayn khale mit dzhem!

Ver ikh shoyn in kas un ruf zikh on:

- Vos hot ir zikh ongezetst oyf mir? Ver hot genumen di khale mit "dzhem", ver?

Vert zi ongetsundn un zogt:

- Feh! Shemen megt ir zikh! A dervaksener yid zol makhn azelkhe shtiklekh mit a kleyn yingele!

- Tshepet aykh op, yidene! – bet ikh zikh shoyn bay ir mit gutn – lozt mir zen di "pley".

Nemt zi on dos yatl baym gombele, vayzt oyf mir un zogt:

- Zog, tatele! Ot-o der mister hot bay dir genumen di khale mitn dzhem?

Entfert dos yatl mit a shokl mitn kepl oyf yo! – Un mer darft shoyn di yidene nisht. Zi vert royt vi a burak un shist oys:

- M'derkent in ayere bakn vos ir zent!

Vert in teater a geshrey:

- Kvayet! sharrap! Varft ir aroys, di yakhne!

Taytlt di yidene oyf mir mit a finger un shrayt:

- Varft IM aroys, ot dem freser, vos hot oyfgefresn mayn boyele's khale mit dzhem.

Shrayen ale:

- Varft zey beydn aroys!

Un azoy iz es take geven.

S' hot nisht gedoyert keyn tsvey minut, zenen mir beyde gelegn in droysn – ikh mit der yidene un mitn kleynem yatl als tsugob.

Di yidene hot mir nokh gemakht "shvarts-shabes" in gas. Mit tsores hob ikh zikh fun ir opgetshepet un bin mir aheym gelofn.

Kumendik aheym, ruft zikh tsu mir on mayn vayb:

- Host shoyn nisht gehat vu tsu esn khale mit "dzhem" nur oyfn nayem rok daynem un davke dort oyf yenem plats vu m'zitst?

Un azoy redndik hot zi mir fun yener zayt rok opgeklept a gants shtik khale mit "dzhem", dem yatls "hamoytse", vos s'hot zikh tsu mir tsugeklept, beys kh'bin arumgekrokhn zukhn glikn in teater.

# אַז איר גייט אין אידישן טעאַטער

אַז איר גייט אין אידישן טעאַטער אַריין און מ׳ווייזט אייך אָן אייער „סיט״, האַלט זיך מיט אים. לויפט נישט אַרום זוכן קיין גליקן, ווייל איר קענט נאָך האָבן מיין סוף.

אפילו אַז דער „סיט״ איז נישט אַזוי באַקוועם — זיצט אויף אייער אָרט! וואָרום ווי לאַנג האָט איר עס, מ׳שטיינסגעזאָגט, איינגאַנצן צו זיצן? דריטהאַלבן שעה! אַמאָל אפשר די גאַנצע דריי! אָבער דערנאָך זענט איר דאָך אַ פרייער מענטש און קענט זיצן אין דער היים וואו איר ווילט, אפילו אויף אַן היסב־בעט אונטערגעבעט מיט אַ פערענע. און ווידער, קען מען זיך שוין מיט די פאַרשידענע שוועריגקייטן אַן עצה געבן. אַ מענטש מיט קאָפּ געפינט שוין אויס עפּעס אַ מיטל.

איר זיצט, למשל, נעבן אַ אידענע, וואָס האַלט כסדר אין איין קנאַקן „מאַנקי־נאַטס״ און די שאָלעכץ וואַרפט זי אייך אין שויס אַריין. די גאַנצע הויזן זענען שוין ביי אייך פאַרשאָטן מיט שאָלעכץ. וואָס־זשע וועט איר טון? מאַכן אַ סקאַנדאַל אין מיטן שפּילן? אָדער אַנטלויפן אויף אַ צווייטן „סיט״? — ניין! איר דאַרפט בלויז מיט זיך מיטנעמען אַ בערשטל און יעדע פּאָר מינוט אַראָפּ־באַרשטן די שאָלעכץ פון די הויזן ביז די אידענע וועט שוין האָבן די גאַנצע „מאַנקי־נאַטס״ אויפגעגעסן.

אָדער זומער־צייט, ווען די אַרבוזן זענען אין סעזאָן, האָט איר פּונקט אַ „סיט״ נעבן אַ אידענע, וואָס זיצט מיט אַ גרויסן געשוואָלענעם רויטן אַרבוז, אַ היימישע קאַווענע. אין מיטן שפּילן שניידט די אידענע אויף דעם אַרבוז, לייגט „בלויז אויף אַ מינוט״ אַוועק אַ האַלבן אַרבוז ביי אייך אין שויס אַריין און די צווייטע העלפט לייגט זי פּאַרציעסווייז אין מויל אַריין.

וואָס־זשע דאַרפט איר אייגנטלעך טון? נעמען דעם אַרבוז און געבן אים אַ זעץ אין דר׳ערד אַריין? — ניין! אַזוי טוט נישט אַ דזשענטעלמען! שווייגט! לאָזט דעם אַרבוז ליגן אין שויס און קוקט אויף דער בינע. זייט זיכער, אַז די אידענע וועט ביי אייך דעם אַרבוז נישט איבערלאָזן. זי וועט זיך מיט אים נאָך אָפּפּאַרטיקן. די נאַכט איז גרויס און די פּיעסע איז נאָך גרעסער. איי, דער אַרבוז נעצט און איר געפינט אייך אין אַן אומבאַ־

קוועמער לאַגע? האָב איך אויף דעם אויך אַ מיטל: נעמט מיט־זיך־מיט אַ גומי־פּאַרטיכל אָדער אַ „וואָטער־פּרוף" און באַלד ווי איר זעצט אייך אַוועק, שפּרייט עס אויס איבער די הויזן.

און אַז איר זיצט אין דער הויך אויף דער „געלערי" און איר דער־זעט אונטן אין די „סטאָלס" איקערס אַ פריינט, אַ לאַנדסמאַן, און איר ווילט, אַז ער זאָל וויסן אַז איר זענט אויך דאָ אין טעאַטער, דאַרפט איר נישט כאַפּן און אַראָפּפליען. איר בעסער שרייט צו אים אַראָפּ, פּייפט, סוויש־טשעט, פּירכעט! נאָר פון אָרט רירט אייך נישט. אויב אייער לאַנדסמאַן הערט אייך נישט, דאַן פּרוּווט אים וואַרפן אַ באַנאַנע (איך מיין: די שאָלעכץ — די באַנאַנע עסט אויף). אויב איר טרעפט אַ צווייטן און נישט אים, זייט ביי אייך נישט געפאַלן. פּרובירט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל. סוף־כל־סוף וועט איר דאָך אים מוזן טרעפן.

אָט האָב איך אייך געוויזן ווי אַזוי איר קענט אייך גאַנץ געמיטלעך זיצן אויף אייער „סיט", גוט „ענדזשויען די פּלעי", און נישט דאַרפן אַרומלויפן פון איין אָרט צום צווייטן.

הלואי וואָלט איך קלוגער געווען און אויך אַזוי געטון, וואָלט איך נישט געהאַט דעם מיאוס'ן אָפּשניט, וואָס איך האָב געכאַפּט לעצטן שבת אין טעאַטער, ווען ס'איז „קינדער־פריי".

ס'האָט זיך מיר פאַרגלוסט אַריינצוגיין צו מאַטינע אין טעאַטער. ביים אַריינגאַנג האָב איך דאָרט אַנגעטראָפן אַ וועלט מיט קינדער; טאַ־טעס און מאַמעס מיט קינדער, זיידעס און באָבעס מיט אייניקלעך, פּע־טערס און מומעס מיט פּלימעניקעס. פּיצלעך קינדער און דערוואַקסענע טויזנט־וואָכיקע קינדער... וואָס האָבן געזוכט חתנים און כלות.

צווישן דעם רוישיקן קינדער־געזינדל האָט אַ מיידעלע אַ קליינס זיך געריסן מיט אַ געוויין אין טעאַטער אַריין און געבעטן מ'זאָל זי אַריינלאָזן צו דער באָבען.

— וואו־זשע — פרעגט איר דער „פּאָרטער" — זיצט דאָרט די באָבע דיינע?

— זי איז אויף דער „סטיידזש"!

— ווי אַזוי קומט די באָבע אויף דער „סטיידזש"?

— זי זינגט אין כאָר! זי איז אַ „כאָר־מיידעל"!

נעם איך שוין דאָס קינד אַריין אין טעאַטער אויף מיין „טיקעט", פיר איר צו צו דער „סטיידזש־טיר", צו דער באָבען אירער און איך זעץ זיך אויף מיין אָרט.

זיצט נעבן מיר אַ אידענע אין אַ פוטערנעם מאַנטל פון וועלכן ס'זעט זיך אַרויס אַן אַמאָליק ווייס פאַרטוך און אויף האַר שויס ביי איר רוט אַ גרויסע אָנגעלאָדענע „בעג". צופיסנס פון דער אידענע פּויזעט אַרום אַ

יאַטל אַ קליינס, וואָס שפּילט זיך מיט אַ באַל. קייקלט זיך דער באַל יעדע מינוט אַוועק אונטער אונזערע „סיטס". קריכט דאָס יאַטל אַרונטער, פּלאָנטערט זיך צווישן די פיס, און דערגייט אונז אַזוי די יאָרן, אַז פרעגט אונז בחרם וואָס מ'שפּילט.

קען עס שוין די אידענע מער נישט דערליידן. כאַפּט זי דאָס יאַטל, וואַרפט עס אַריבער איבער די קני, פאַרקאַשערט דאָס העמדל און פּאַטשט עס גוט אַריין אין „אלף מחילות'ל", אַזוי אַז ס'זאָל האָבן צו גע־דענקן.

די אַקטיאָרן אויף דער בינע, הערנדיק „פּעטש", האָבן געמיינט, אַז ס'איז אַן אַפּלויז, האָבן זיי זיך גאַנץ העפלעך פאַרבייגט, בעת דאָס יאַטל האָט זיך אַזוי צעוויינט, אַז מ'האָט אים גאָרנישט געקענט איינבעמען. ס'האָבן אפילו נישט געהאָלפן די שטילע קניפּען, וואָס דאָס יאַטל האָט בשעת מעשה אַריינגעכאַפּט פון דער מאַמען זיינער.

איז געוואָרן אַ געשריי: „קוואַיט, פּליז!"

האָט די אידענע אַרויסגענומען פון דער „בעג" אַ היבשע „המוציא" חלה מיט „דזשעם" און דעם יאַטל עס אין מויל אַריינגעשטופּט:

— נאַ! פרעס! און נעם איין שטומעניש!

פּאַסמאַקעוועט זיך דאָס יאַטל מיט'ן „דזשעם" און ס'ווערט שטיל. אָבער ס'לויפט נישט אַוועק קיין מינוט, און דאָס יאַטל פויזעט שוין ווי־דער אַרום מיר און איך פיל אַז איך קלעפּ זיך... אמת, איך האָב ליב „דזשעם", איינגעמאַכטס און אַנדערע זיסקייטן, אָבער נישט אויף די הויזן...

נעם איך זיך אָפּרוקן. די פאָדערשטע רייען, זע איך, זענען ליידיקלעך. ערשט דאָס יאַטל מיט'ן „דזשעם" קריכט מיר נאָך. רוק איך זיך נאָך ווייטער, ביז צום אָרקעסטער צו און — גאָט־צו־דאַנקן — פּטור געוואָרן פונ'ם יאַטל מיט'ן „דזשעם". נאָך אַ פּאָר מינוט מנוחה, אַ־האַ — מיינע אַלטע שכנים זענען שוין ווידער דאָ — די אידענע מיט'ן יאַטל!

— מיסטער־לעבן! — רופט זי זיך צו מיר אָן — ער וועט שוין זיין אַ גוד־באָי, גיט אים אָפּ די חלה מיט'ן דזשעם!

קוק איך אויף דער אידענע און שמייכל:

— וואָס'אַראַ חלה מיט דזשעם, וואָס?

ענטפערט זי:

— גענוג זיך אַרומגעשפּילט. גיט אים אָפּ זיין חלה מיט דזשעם!

ווער איך שוין אין כעס און רוף זיך אָן:

— וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף מיר? ווער האָט גענומען די חלה מיט „דזשעם", ווער?

ווערט זי אָנגעצונדן און זאָגט:

— פּע! שמעקן מעגט איר זיך! אַ דערוואַקסענער איד זאָל מאַכן אַזעלכע שטיקלעך מיט אַ קליין אינגעלע!

— טשעפּעט אייך אָפּ, אידענע! — בעט איך זיך שוין ביי איר מיט גוטן — לאָזט מיר זען די „פּלעי״.

נעמט זי אָן דאָס יאַטל ביים גאַמבעלע, ווייזט אויף מיר און זאָגט:

— זאָג, טאַטעלע! אַט־אַ דער מיסטער האָט ביי דיר גענומען די חלה מיט׳ן דזשעם?

ענטפערט דאָס יאַטל מיט אַ שאָקל מיט׳ן קעפּל אויף יאָ! — און מער דאַרף שוין די אידענע נישט. זי ווערט רויט ווי אַ בוראַק און שיסט אויס:

— מ׳דערקענט אין אייערע באַקען וואָס איר זענט!

ווערט אין טעאַטער אַ געשריי:

— קוואַיעט! שאַראַפּ! וואַרפט איר אַרויס, די יאַכנע!

טייטלט די אידענע אויף מיר מיט אַ פינגער און שרייט:

— וואַרפט אים אַרויס, אַט דעם פּרעסער, וואָס האָט אויפגעפרעסן מיין באַיעלע׳ס חלה מיט דזשעם.

שרייען אַלע:

— וואַרפט זייביידען אַרויס!

און אַזוי איז עס טאַקע געווען.

ס׳האָט נישט געדויערט קיין צוויי מינוט, זענען מיר ביידע געלעגן אין דרויסן — איך מיט דער אידענע און מיט׳ן קליינעם יאַטל אַלס צוגאָב.

די אידענע האָט מיר נאָך געמאַכט „שוואַרץ־שבת״ אין גאַס. מיט צרות האָב איך זיך פון איר אָפּגעטשעפּעט און בין מיר אַהיים געלאָפן.

קומענדיק אַהיים, רופט זיך צו מיר אָן מיין ווייב:

— האָסט שוין נישט געהאַט וואו צו עסן חלה מיט „דזשעם״ נאָר אויפ׳ן ביינעם ראָק דייבעם און דוקא דאָרט אויף יענעם פּלאַץ וואו מ׳זיצט?

און אַזוי רעדנדיק האָט זי מיר פון יענער זייט ראָק אָפּגעקלעפּט אַ גאַנץ שטיק חלה מיט „דזשעם״, דעם יאַטל׳ס „המוציא״, וואָס ס׳האָט זיך צו מיר צוגעקלעפּט, בעת כ׳בין אַרומגעקראָכן זוכן גליקן אין טעאַטער.